# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

383 | פרשת נשא | תשפ"א


## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### ווערן א צדיק דורך א הרהור אליין

**"וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"** (ה ז)

אין רמב"ם (תשובה א א) ווערט ערקלערט אז דער וואס טוט תשובה און זיך מתוודה זיין אויף זיינע זינד, האט נישט קיין כפרה. אסאך וואונדערן זיך אויף זיינע ווערטער פון א אפענע גמרא (קידושין מט ב) המקדש את האשה על מנת שאני צדיק גמור, אפילו הוא רשע גמור, הרי היא מקודשת, ווייל עס קען זיין אז ער האט מהרהר געווען בתשובה אין זיין הארץ. זעט מען דאך אז אפילו מיט א הרהור פון תשובה אליין קען שוין דער מענטש איבערגעדרייט ווערן פון א רשע אויף א צדיק, אויך אן וידוי?

ענטפערט דער **'מנחת חינוך'**: אנרופן א מענטש מיטן טיטול צדיק אדער רשע איז נישט אנגעהאנגען אין די כפרה אויף זיינע זינד, נאר לויט זיין חרטה האבן אויף זיי. דעריבער אויך דער וואס עס פעלט אים נאך אויס ער זאל זיך מתוודה זיין כדי ער זאל האבן א כפרה אויף זיינע זינד, אויב האט ער תשובה געטון ווי עס דארף צו זיין און חרטה געהאט אויף זיינע מעשים, איז ער מער נישט גערעכנט ווי א רשע נאר ווי א צדיק.

נאך א ענטפער אויף דעם ברענגט דער **טשעבינער רב**: די חכמים זאגן (ירושלמי ביכורים ג ג) הנושא אשה מוחלים לו על עוונותיו, וועגן דעם דער וואס איז מקדש א אשה על מנת אז ער איז א צדיק גמור, אין די מינוט וואס ער האט מהרהר געווען בתשובה איז ער באלד געווארן א צדיק, ווייל אין די זעלבע מינוט איז חל די קידושין און זיינע עבירות ווערן אים נמחל [אין די בחי' פון "גיטו וידו באים כאחד" (גיטין עז ב)]. אבער א געווענליכע מענטש ווערט נישט גערעכנט א 'צדיק' נאר אויב ער האט זיך מתוודה געווען אויף זיינע זינד.

'מנחת חינוך' שסד א; שו"ת 'דובב מישרים' ח"א סי' כב

### וידוי אויף דער זינד און זיינע רעזולטאטן

**"וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"** (ה ז)

לכאורה, וואלט גענוג געווען עס זאל שטיין: "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם", פארוואס לייגט צו די תורה: "אֲשֶׁר עָשׂוּ"?

ערקלערט **רבי יעקב צבי יאליש** בעל 'מלא הרועים', די תורה וויל באטאנען מיט דעם, אז אויסער וואס די אידן דארפן זיך מתוודה זיין און תשובה טון אויף זייערע זינד, דארפן זיי זיך אויך מתוודה אויף די מצוות "אֲשֶׁר עָשׂוּ" - אויף דעם וואס זיי האבן עס נישט מקיים געווען אויף דעם ריכטיגן אופן, אזוי ווי דער באשעפער האט באפוילן.

**רבי זלמן סאראצקין** זאגט: אמאל קען זיין אז דער זינדיגער האלט זיך צוריק פון זיך מתחרט זיין אויף זיינע מעשים טראכטנדיג: וואס זענען שוין גערעכנט מיינע זינד אקעגן די זינד פון אנדערע, איך בין דאך ווי א צדיק אקעגן דעם נידריגן דור... אויף דעם קומט די תורה מיט א ווארענונג: "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ" - נישט רעכענען לויט אנדערע.

אויף נאך א וועג ערקלערט דער ראב"ד **רבי משה שטערנבוך** אז די תורה וויל אונז לערנען אז אויסער וואס דער זינדיגער דארף זיך מתוודה זיין אויף זיינע זינד, דארף ער זיך אויך מתוודה זיין אויף די משחיתים "אֲשֶׁר עָשׂוּ" - וואס זענען באשאפן געווארן דורך זיינע זינד. אזוי ווי מ'האט מתקן געווען זיך צו מתוודה זיין ביי 'תפילה זכה' וואס ווערט געזאגט ערב יום כיפור: "אוֹי לִי כִּי תַחַת הַמַּחֲשָׁבוֹת הַטּוֹבוֹת שֶׁיָּכֹלְתִּי לִבְרֹא עַל יְדֵי זֶה מַלְאָכִים קְדוֹשִׁים שֶׁיִּהְיוּ סַנֵּגוֹרִים וּפְרַקְלִיטִים טוֹבִים עָלַי, תַּחְתֵּיהֶם בָּרָאתִי מַשְׁחִיתִים לְחַבֵּל אֶת עַצְמִי".

'קול יעקב; 'אזנים לתורה'; 'טעם ודעת'

### א נזיר וואס ענטפערט אמן - איז גרעסער פון דער מברך

**"כֹּל יְמֵי נִזְרוֹ מִכֹּל אֲשֶׁר יֵעָשֶׂה מִגֶּפֶן הַיַּיִן מֵחַרְצַנִּים וְעַד זָג לֹא יֹאכֵל"** (ו ד)

מסכת נזיר (סו ב) ענדיגט זיך מיט די ברייתא: "רבי יוסי אומר: גדול העונה אמן יותר מן המברך". וואס איז די שייכות פון אט די מימרא צו מסכת נזיר?

**רבי אליהו שיק** דער לידא'ער רב ערקלערט:

מיט דעם ווילן די חכמים פארענטפערן א קשיא וואס ווערט שווער לערנדיג די פסוקים פון פרשת נזיר: לכאורה וויאזוי קען דער מענטש מקבל זיין אויף זיך 'נזירות', ער פארלירט דאך אסאך ברכות וואס ער וואלט געקענט זאגן אויף עסן טרויבן און טרינקען וויין? וועגן דעם ברענגען די חכמים דעם מאמר פון רבי יוסי: "גדול העונה אמן יותר מהמברך", צו זאגן: דער נזיר דערלייגט נישט קיין ברכות, ווייל ער קען דאך ענטפערן אויף ברכות פון אנדערע און דער זכות פון ענטפערן איז גרעסער פון זאגן א ברכה.

'עין אליהו' נזיר סו ב

### חנה האט געדאוונט 'על ה''

**"וְאִם לֹא נִטְמְאָה הָאִשָּׁה וּטְהֹרָה הִוא וְנִקְּתָה וְנִזְרְעָה זָרַע"** (ה כח)

זאגט דער **'בית הלוי'**:

מיר טרעפן אין גמרא (ברכות לא ב) אז ווען חנה האט געדאוונט צו הקב"ה ז' זאל געבענטשט ווערן מיט א זון, האט זי געזאגט צו ה': אויב איך וועל נישט געהאלפן ווערן, וועל איך זיך באהאלטן מיט א פרעמדן מאן כדי איך זאל גערעכנט ווערן ווי א 'סוטה', און מיין מאן אלקנה וועט מיך אנטרינקען מיט די 'מים המרים', און ווען עס וועט קלאר ווערן אז איך בין ריין פון יעדע פארדאכט וועל איך זיכער געהאלפן ווערן, ווייל אזוי האסטו צוגעזאגט אין דיין תורה: "וְאִם לֹא נִטְמְאָה הָאִשָּׁה וּטְהֹרָה הִוא וְנִקְּתָה וְנִזְרְעָה זָרַע".

מיט דעם קענען מיר פארשטיין דעם לשון הפסוק וואס שטייט וועגן איר תפילה (שמואל א' א י): "וַתִּתְפַּלֵּל עַל ה' וּבָכֹה תִבְכֶּה"; עס שטייט נישט "אל ה'", נאר "על ה'", דיך צו לערנען אז חנה האט אין איר תפילה אויך געבעטן "על ה'" - דעם אייבערשטנ'ס נאמען זאל נישט פארשעמט ווערן צוליב איר; ד.מ.: ה' זאל איר שענקען א קינד אין כח פון איר תפילה, און זי זאל דארפן צוברענגען מ'זאל איר אנטרינקען מיט די פארשאלטענע וואסער וואס צו דעם פעלט אויס מ'זאל אויסמעקן דעם אייבערשטנ'ס נאמען וואס איז געשריבן געווארן אויף פארמעט.

מאסף 'הבאר' תרפ"ג כרך א חלק א עמ' יז

### 'כה תברכו' די מאה ברכות

**"כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר לָהֶם"** (ו כג)

**רבי מנחם מענדל לעזער** דער סטריזשובער רב זאגט:

די ווארט "כה" איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי אותיות: כ"ף - איז גימטריה צוואנציג, און ה"א - איז גימטריה פינעף. קומט אויס אז דאס איז דא א רמז אויף די מצוה פון זאגן די מאה ברכות יעדן טאג: "כ' ה' תברכו" - ענק דארפן זאגן יעדן טאג פינעף מאל צוואנציג ברכות, דאס זענען די מאה ברכות.

'שובע שמחות'




דעם קומענדיגן דינסטאג הבעל"ט וועט זיין פונקט צוויי הונדערט יאר זינט די פטירה פון דער 'אבי הישיבות' מרן רבי חיים וואלאזשינער בעל 'נפש החיים' וואס איז נפטר י"ד סיון תקפ"א, אויף אים דערציילט מען, **ער האט כל ימיו מקפיד געווען נישט זאגן א ברכה אויב עס איז נישטא ווער עס זאל ענטפערן אמן.** איינמאל אינמיטן לערנען שפעט ביינאכט האט ער געוואלט טרינקען און האט נישט געהאט ווער עס זאל ענטפערן אמן נאך זיין ברכה, איז פון הימל צו אים געשיקט געווארן א מלאך זאל ענטפערן אמן נאך זיין ברכה.

'שאל אביך ויגדך' ח"א עמ' פז



**בני אמונים: אמן אויף יעדע ברכה**

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## דער פיוט 'יגדל' (ו) - דער פינעפטער עיקר - נאר דעם אייבערשטן איז פאסיג צו דינען

### 'כי לך לבד עינינו תלויות'

דער פינעפטער עיקר פון די י"ג עיקרים איז אונז מחייב צו גלייבן אז נאר דעם אייבערשטן איז ראוי צו דינען, אים איז ראוי צו לויבן, און זיינע באפעלן דארף מען פאלגן, און עס איז נישט פאסיג צו דינען קיינעם פון די באשעפענישן. ווייל נאר ער אליין טוט געוועלטיגן אויף די גאנצע בריאה, און קיינער האט נישט קיין כח און מעגליכקייט אויספירן און אפמאכן קיין שום זאך אין די בריאה. וועגן דעם טאר נישט א מענטש דינען קיין באשעפעניש, אויך אויב ער טראכט אז דאס וועט אים פארבינדן צום אייבערשטן (רמב"ם, פה"מ סנהדרין הקדמה לפרק י, תשובה ג ז).

אויף דעם עיקר זענען מיר באפוילן געווארן אין פסוק (שמות כ ג): "לא יהיה לך אלהים אחרים על פני", וואס אסר'ט אונז צו גלייבן אז איינער פון די באשעפענישן האט באקומען עפעס א כח אדער א געוועלטיגונג אין די בריאה (רמב"ם יסוה"ת א א-ו). אויך דער נביא ירמיהו ווארנט אן די אידן זאלן נישט באציהען קיין שום כח צו די כוחות וואס זענען אין הימל, אזוי ווי עס שטייט (ירמיהו י ה-ו): "אַל תִּירְאוּ מֵהֶם כִּי לֹא יָרֵעוּ וְגַם הֵיטֵיב אֵין אוֹתָם; מֵאֵין כָּמוֹךָ ה' גָּדוֹל אַתָּה וְגָדוֹל שִׁמְךָ בִּגְבוּרָה".

וועגן דעם טאר נישט דער מענטש זיך ווענדן מיט א געבעט צו עפעס א כח, אויסער ה' יתברך, און אזוי ווי אונז זאגן מיר ארויס דעם עיקר ביי דער נוסח 'אני מאמין': "שהבורא יתברך שמו לו לבדו ראוי להתפלל ואין ראוי להתפלל לזולתו" (ספר העיקרים מאמר שני פרק כח). און אזוי זאגן חז"ל (ירושלמי ברכות ט א): "רבי יודן זאגט...: א בשר ודם האט א ליב-האבער וואס באשיצט אים. אויב טרעפט זיך אים עפעס א צרה קומט ער נישט אריין צו אים פלוצלינג, נאר ער קומט און שטייט נעבן די טיר פון זיין ליב-האבער, און רופט דעם קנעכט אדער דעם שטוב-מענטש, און דער קנעכט אדער דער שטוב-מענטש זאגט פארן ליב-האבער: 'דער און דער שטייט נעבן די טיר פון דיין הויף' - אז ער וויל נעמט ער אים אריין און אז ער וויל לאזט ער אים אינדרויסן אן צו הערן זיין געבעט. אבער הקדוש ברוך הוא איז נישט אזוי; אויב קומט א צרה אויף א מענטש, וועט ער נישט שרייען צו מיכאל און גבריאל, נאר ער וועט צו מיר שרייען און איך וועל אים באלד ענטפערן, אזוי ווי עס שטייט (יואל ג ה): 'כל אשר יקרא בשם ה' ימלט'".

### זיך ווענדן צו די מלאכים זיי זאלן אריינטראגן אונזערע תפילות

טראָץ דעם אויבנדערמאנטן יסוד, פון דער נוסח פון עטליכע תפילות און פיוטים זעט אויס ווי מיר ווענדן זיך צו די מלאכים מיט א בקשה זיי זאלן אריינטראגן אונזערע תפילות, אזוי ווי די באקאנטע פיוט "מכניסי רחמים הכניסו רחמינו לפני בעל הרחמים" וואס ווערט געזאגט אין די ימי הרחמים והסליחות. עס זענען דא וואס שרייבן אז די פיוטים זענען טאקע ווי א סתירה צו דער עיקר וואס באפעלט אונז מיר זאלן דאווענען נאר צו השי"ת און מ'זאל נישט זאגן די פיוטים ('קרבן נתנאל' ר"ה סוף פרק א). אבער עס זענען דא וואס ערקלערן אז דער איסור איז נאר זיך ווענדן און בעטן פון די מלאכים אליין עפעס א בקשה. אבער ווען די תפילה אליין איז געווענדט צו הקדוש ברוך הוא, נאר ביי די ענדע בעטן מיר פון די מלאכים זיי זאלן זיין ווי שליחים עס אריינטראגן - מעג מען יא ('פירוש התפילות והברכות' [לר"י בן יקר] ח"א עמ' קמב. וראה שו"ת 'שביבי אש' ח"ד סי' כה).

נאך זענען דא וואס טייטשן, כאטש עס זעט אויס פון דער נוסח אז עס איז געווענדט צו די מלאכים, דאך איז נישט אונזער כוונה נאר צו הקדוש ברוך הוא אליין. אזוי ווי א קנעכט וואס שעמט זיך זיך דערנענטערן צום קעניג און אריינזאגן אין אויער זיין בקשה, וועגן דעם טוט ער זיך ווענדן צו די נאנטע ראטגעבער פונעם קעניג, מיט א האפענונג אז דער קעניג וועט אים צוהערן און אננעמען זיין געבעט. אזוי אויך טון מיר זיך ווענדן צו די מלאכים מיט א ענוה און שפלות, אבער אין אמת'ן איז אונזער כוונה אז הקדוש ברוך הוא אליין זאל צוהערן אונזער געבעט (שו"ת מהר"י ברונא סי' רעה).

נאך ערקלערט מען, ווייל דאס איז די תפקיד פון די מלאכים - אריינטראגן די אידישע תפילות פאר הקדוש ברוך הוא, איז דאס נישט ווי א תפילה און בקשה פון די מלאכים, נאר ווי א באפעל אז זיי זאלן ערפילן זייער תפקיד און אריינטראגן אונזערע תפילות ('נתיבות עולם' נתיב העבודה פרק יב בביאור ראשון).

### וויאזוי איז דא דערמאנט דער פינעפטער עיקר

אין דער פיוט 'יגדל' וואס זיינע דרייצן בתים זענען אקעגן די דרייצן 'אני מאמין' וואס זענען געדרוקט אין די סידור, ווערט דערמאנט דעם פינעפטער עיקר וואס באפעלט אונז צו דערווייטערן יעדע ברעקל עבודה זרה פון אונזער הארץ און גלייבן אז נאר דעם אייבערשטן אליין איז ראוי צו דינען מיטן לשון: "הנו אדון עולם לכל נוצר, יורה גדולתו ומלכותו", און די קשיא איז אפן און קלאר: וויאזוי ווערט ארויסגעברענגט אין די ווערטער דעם דערמאנטן עיקר?

כדי צו פארענטפערן די ווערטער פונעם פייטן טייטש אזוי רבי פנחס פלאצקער דעם לשון הפיוט: ה' יתברך אליין "הינו אדון עולם" וואס געוועלטיגט אויף אלעס, און מיט זיין חסד ווייזט ער "לכל נוצר" - אויך פאר דער וואס איז נישט ראוי צו דעם, זיין שטארקייט און גרויסקייט און די עקזיסטענץ און די הנהגה פון די בריאה מיט חסד ורחמים, און זייענדיג דער קעניג פון דער וועלט וואס שפייזט און טוט צושטעלן די באדערפענישן פאר אלע באשעפענישן אויף דער וועלט - אויך די וואס זענען נישט ראוי אלס זייערע מעשים. דער וואס גלייבט אין ה' אז ער אליין געוועלטיגט און פירט די גאנצע בריאה און אונזער גאנצער לעבן און צוקונפט איז איבערגעגעבן נאר אין זיין האנט, און האט אויך רחמנות אויף "כל נוצר" - אויך אויף די וואס זענען נישט ראוי אויף רחמים, איז אים קלאר אז אויף אים אליין קען ער זיך פארלאזן, אים אליין וועט ער דינען, און נאר צו אים וועט ער דאווענען (פירוש 'מגיד צדק' שבסידור 'שער הרחמים').

אבער עס זענען דא וואס טייטשן אז דער לשון הפייטן גייט ארויף קלאר אויף די עבודת התפילה. לויט דעם די ווערטער "אדון עולם - לכל נוצר" איז טייטש אז אלע באשעפענישן לויבן אים און ווענדן זיך צו אים ביים דאווענען מיטן לשון 'אדון עולם' (סידור 'אור החמה'). נאך איז דא וואס ברענגט אין דעם ענין וואס עס שטייט אין גמרא (שם): "אמר רב חייא בר אשי אמר רב: כל שאין דעתו מיושבת עליו - אל יתפלל. משום שנאמר: 'בצר אל **יורה**'" (ראה רש"י שם ד"ה בצר שאין פסוק כזה במקרא). זעט מען קלאר אז דער לשון 'יורה' גייט אויך ארויף אויף דאווענען, און עס קען זיין אז אויף דעם האט דער פייטן מכוון געווען זאגנדיג די ווערטער: "**יורה** גדולתו ומלכותו", אז נאר צו אים דארף מען דאווענען און לויבן זיין גרויסקייט און שיינקייט ('אמת ליעקב' [פון ר"י קאמינעצקי] עירובין סה א בתוד"ה בצר).

עס זענען דא וואס צוליב די וואונדער האבן זיי גורס געווען אזוי ווי דער נוסח וואס מ'טרעפט אין די אלטע סידורים: "הינו אדון עולם, וכל נוצר יודה גדולתו ומלכותו", וואס איז טייטש: ער אליין איז דער אדון עולם, און אלע באשעפענישן אויף דער וועלט טון מודה זיין אז נאר אים דארף מען באשיינען און נאר אים מעג מען דינען (ראה 'עיון תפלה' שבסידור 'אוצר התפילות').

**הִנּוֹ** אליין **אֲדוֹן עוֹלָם** וואס איז א כל יכול. **לְכָל נוֹצָר** און אויך אויף די וואס זענען נישט ראוי, **יוֹרֶה גְּדֻלָּתוֹ וּמַלְכוּתוֹ** מיט דעם וואס זארג אויף אלע זיינע באדערפענישן. דעריבער נאר אים זאל מען דינען און נאר צו אים אליין זאל מען דאווענען.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## פינעף אמנים - פופציג זהובים

די שטאט באגדאד - די תורה צענטער אין גלות בבל איז באקאנט געווען נאך אין די פריערדיגע יארן אלס א עיר מלאה חכמים וסופרים. די שיינע אידישע קהילה וואס האט זיך דארט באזעצט פאר ארום טויזענט יאר, איז געווען א סימבאל און א מוסטער פאר אלע קהילות פון די מזרח-לענדער, ארויסקומענדיג פון איר גדולי תורה בעלי חכמה ודעת, וואס אסאך פון זיי זענען באקאנט געווארן אין אלע אידישע קהילות אלס גאונים וואס האבן באלויכטן די וועלט מיט זייער תורה.

צווישן אלע שולן אין שטאט באגדאד איז דאס מערסטע באקאנט געווען די בית המדרש מיטן נאמען 'מדרש בית זלכה', דאס איז די שיינע געביידע וואס איז אויפגעגעבויעט געווארן דורכ'ן באקאנטן גאון רבי עבדאללה סומך זיע"א וואס איז אויך געשטאנען אין איר שפיץ און דארט אוועקגעשטעלט אסאך פון די רבנים אין די אידנטום פון בבל, און נאך אים האט פארגעזעצט זיין באקאנטער תלמיד מאור הגולה מרן רבי יוסף חיים בעל 'בן איש חי'.

די פאלגנדע ערציילונג האט פאסירט פאר ארום הונדערט און צוואנציג יאר, אין די תקופה וואס דער בן איש חי האט געדינט אלס רב פון די אידישע קהילה און זייענדיג דער אב בית הדין פון באגדאד. אין יענע תקופה איז אין באגדאד זייער שטארק געגאנגען די ביזנעס פון 'אלטע זאכן': קויפן אלטע קליידער און זאכן פון מענטשן וואס האבן זיי שוין מער נישט געדארפט, און זיי פארקויפן פאר אנדערע פאר א פאסיגע פרייז.

די געשעפטן מיט די 'אלטע זאכן' איז געווען פארבינדן מיט א גרויסע ריזיקע. אסאך זאכן וואס זענען איינגעקויפט געווארן דורך די סוחרים זענען איבערגעבליבן אן עימיצער זאל עס בעטן און די געלט וואס זיי האבן אין דעם אריינגעלייגט איז נעבעך פארלוירן געגאנגען. אבער פון די צווייטע זייט האט מען פון דעם אויך געקענט שיין פארדינען, ווען נישט איינמאל צווישן די אלטע זאכן וואס זענען פארקויפט געווארן האט מען געטראפן פארשידענע זאכן וואס מ'האט געצאלט אויף זיי א ביליגן פרייז, און שפעטער איז מען געוואר געווארן אז עס איז ווערד אסאך, צי וועגן זייער היסטארישן שייכות, צי ווייל זייער בעל הבית האט נישט געוואוסט צו שאצן ריכטיג זייער אמת'דיגן ווערד. דאס איז געווען די הויפט סיבה וואס האט צוגעברענגט אז אסאך מענטשן זאלן עוסק זיין אין דער תחום, און דאס איז געווען זייער עיקר פארדינסטן פון זייערע געשעפטן.

ששון און משה זענען געווען צוויי אלטע גוטע פריינד וואס האבן צוזאמען געפירט א 'אלטע זאכן' בליענדן ביזנעס. יענעם אינדערפריה זענען זיי צוויי ארויסגעגאנגען פון די געסל אין 'דאר אל יהוד' - דאס אידישע קווארטל אין באגדאד, ווען זייער פנים איז געווען געווענדן צו די ריכטונג פון איינס פון די גוי'שע געגענטער.

ששון און משה זענען געווען א שם דבר צווישן די סוחרים פון 'אלטע זאכן' אין באגדאד. אין לויף פון די סאך יארן וואס זיי האבן עוסק געווען אין דעם, האבן זיי באקומען א ספעציעלע טאלאנט צו קענען שמעקן ווען עס לוינט זיך צו קויפן. זיי האבן אויך געהאט נישט ווייניג פארבינדונג'ס מענטשן אין די גוי'שע געגענטער וואס פאר פראצענטן פון די פארדינסטן האבן זיי אינפארמירט ווער צווישן זיי האט אלטע זאכן וואס ווילן פטור ווערן פון זיי.

ווען אזא שמועה איז אנגעקומען צו די אויערן פון ששון און משה האבן זיי פון פריער צווישן זיך זיך באראטן איבער די געשעפט, און ווען זייערע אויסגעשפיצטע פעאיגקייטן האבן זיי געזאגט אז עס לוינט זיך, האבן זיי זיך געאיילט אהין צו גיין זיך צו שלאגן מיט די אנדערע סוחרים אויף די זאכן וואס זענען געשטאנען אויף צו פארקויפן.

יין אינדערפריה איז צו זייער אויער אנגעקומען א שמועה אויף א רייכע אראבישע פאמיליע וואס ציעהן זיך אריבער צו א אנדערע לאנד און צוליב דעם פארקויפן זיי די גאנצע אינהאלט פון זייער הויז פאר דער וואס וועט זיי געבן די גרעסטע סומע. אזא געלעגנהייט, האבן זיי צוויי געוואוסט, מאכט זיך נישט אזוי אפט נאר איינמאל אין א לאנגע צייט. אסאך סוחרים וועלן זיכער דארט קומען, און ווי פריער זיי וועלן קומען, וועלן זיי האבן א גרעסערער שאנס צו פארדינען.

באלד אינדערפריה האבן די צוויי צוגעאיילט זייערע פוס טריט צו די אדרעס וואס זיי האבן באקומען, און כמעט זענען זיי שוין ארויס פון 'דאר אל יהוד', אבער נאנט צום ארויסגיין האבן זיי געמוזט זיך אפשטעלן.

א יונגער בחור'ל האט זיי אפגעהאלטן די וועג און זיך געבעטן צו זיי: "איך בעט ענק טייערע אידן, מיר דארפן וויכטיג א צענטן צום מנין. מיין טאטע זאל זיין געזונט זיצט שבעה אויף זיין פאטער און דארף זאגן אויף אים א קדיש. יעצט זענען מיר נאר ניין מענטשן - ענק קענען אפשר קומען זיך מצרף זיין כדי מיין פאטער זאל קענען זאגן דעם קדיש אזוי ווי ער איז מחוייב".

ששון מיט משה האבן זיך אפגעשטעלט. דאס איז געווען פאר זיי א שווערע נסיון; פון איין זייט שטייט דא א איד וואס נוטיגט זיך אין זייער הילף, און פון די צווייטע זייט שטייט יעצט פאר זיי א איינמאליגע געלעגנהייט אויף א גרויסע פארדינסט. נאך א קורצע צווייפל האט ששון באשלאסן מקיים זיין דעם כלל 'חייך קודמים' און זיך איילן צו זיין וועג. דאקעגן משה האט באשלאסן אנהאלטן דעם כלל: "מצוה הבאה לידך אל תחמיצנה" און נאכגיין דעם בחור'ל צו זייער הויז, טראָץ עס איז פארבינדן געווען מיט א שווערע ריזיקע פון דערלייגן א איינמאליגע געלעגנהייט פון פארדינען א גרויסע סומע.

ווען משה איז אריין צו זייער הויז, האט ער געזען אז עס זענען דארט דא נאר אכט מענטשן אויסער אים און מ'דארף גיין זוכן נאך איינעם כדי צו משלים זיין א מנין. לאנגע מינוטן זענען אריבער ביז מ'האט געטראפן א צענטן צום מנין. ווען דער צענטער איז אנגעקומען האט דער אבל באלד געזאגט דעם קדיש, און משה איז ארויס אויף זיין וועג האבנדיג א שוואכע האפענונג אז פון די גאנצע אינהאלט פון די הויז איז עפעס א קלייניגקייט איבערגעבליבן פאר אים.

ווען ער איז דארט אנגעקומען האט ער ווי גערעכנט געטראפן ווי די אנדערע סוחרים, און צווישן זיי זיין גוטער פריינד, האבן אים געפעדערט און פון די גאנצע סחורה איז פאר אים כמעט נישט איבערגעבליבן נאר די אלטע אפגענוצטע קליידער, כדי נישט אהיים קומען מיט ליידיגע הענט האט משה געקויפט די שמאטעס פאר עטליכע גרייצער און זיך געווענדט צו זיין הויז.

אין שטוב, ווען ער באטראכט די שמאטעס וואס ער האט זיך איינגעקויפט האט אים אפגעווארט א ערנסטע איבערראשונג. צווישן זיי איז געווען א אלטע אפגעריבענע קישן, און ווען ער האט אויפגעטרענט די פאדים זיך באנוצן מיט די פעדערן פון אינעווייניג, האט ער געטראפן אין דעם א טייערע שיינע שטיינדל. מיט די שטיין אין האנט איז ער באלד געגאנגען צו די מארק און געבעטן פון איינעם פון די צירונג-סוחרים זאל שאצן איר ווערד. ווי גרויס איז געווען זיין איבערראשונג ווען יענער האט עס אפגעשאצט אויף נישט ווייניגער פון פופציג גאלדענע רענדלעך. און אויב דאס איז נישט גענוג געווען, האט יענער באצאלט קעש געלט און די שטיינדל איז אריבער צו יענעם אין זיין רשות.

פרייליך און צופרידן, ווען זיין טאש איז אנגעפילט מיט גאלדענע רענדלעך איז משה צוריק צו זיין שטוב דערציילן די וואונדערליכע געשיכטע וואס האט פאסירט מיט אים. נאר זיין פרוי האט אפגעקילט זיין התלהבות זאגנדיג אז לויט זיין שילדערונג זעט איר אויס אז די פרייז וואס ער האט באקומען אויפן שטיין איז אסאך ווייניגער פון די אמת'דיגע ווערד, אויב אזוי דארף ער צוריק גיין און בעטן פונעם סוחר זאל מבטל זיין די פארקויפונג.

נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה איז משה געצווינגען געווען זיך צוריק קערן צום סוחר. זייענדיג אויפן וועג, ווען זיין מח טראכט וואספארא טענות זאל ער טענה'ען פארן סוחר כדי ער זאל איבערגענומען ווערן צו ווען מבטל זיין די געשעפט, איז ער אריבער נעבן דעם גרויסן בית המדרש, 'מדרש בית זלכה', און פלוצלינג האט ער זיך דערמאנט אז קיינמאל האט ער נישט געטון א ערנסטע טריט אין זיין לעבן אן זיך בעראטן פון פריער מיטן 'בן איש חי', פארוואס זאל ער יעצט נישט אזוי טון?!

געטראכט און געטון, משה איז אריין אין בית המדרש, אין ווינקל פון שול איז געזיצן דער 'בן איש חי' און משה האט זיך באלד געוואנדן צו אים, אים דערציילט די מעשה מיט זיינע איינצעלהייטן און געפרעגט צי ער זאל פאלגן די ווערטער פון זיין פרוי און פאדערן פונעם סוחר זאל צוריק ציעהן פון די געשעפט.

דער רב האט צוגעהערט צו גאנצע מעשה פון אנהייב ביז די ענדע, און נאכדעם האט ער געענטפערט מיט זיין באקאנטע קלוגשאפט:

לויט וואס די חכמים זאגן (ראה חולין פז א) אז דער שכר פון יעדע אמן איז צען זהובים, זעט אויס אז דא איז אינגאנצן נישט קיין פראגע; דו האסט דאך פארשפעטיגט צו קומען ווייל דו האסט נאכגעגעבן די געבעט פונעם יונגן בחור'ל צו גיין משלים זיין א מנין צו קענען ענטפערן אמן אויף א קדיש. ווייל דו האסט געענטפערט פינעף מאל 'אמן' אין די קדיש, האט מען דיר געוואלט באצאלן פון הימל דעם גאנצן פרייז - פופציג גאלדענע זהובים אנשטאט די פינעף אמנים און אויסער דעם הקרן קיימת לעולם הבא, איז פארוואס זאלסטו מבטל זיין די געשעפט?!

'אהבת חיים', פרשת חיי שרה

שי עיצובים